# סעודה שלישית פרשת ראה ה'תשס"ו

און שלש'סעודות, ווען ס'איז רעוא דרעוין, האט מוהרא"ש שליט"א געשמועסט זייער גיוואלדיגע נורא'דיגע רייד, אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ערב, וואס רעדט וועגן פשט פון דער פסוק "היום אם בקולו תשמעו", עיין שם.

און האט מוהרא"ש שליט"א אנגעהויבן – **זאגט דער הייליגער רבי ז"ל ס'שטייט** (תהלים צה): **'היום אם בקולו תשמעו' (היינט, אין זיין קול וועט איהר אויס הערן), דאס איז אַ גרויסע כּלל אין עבודת השם, ער זאל נישט פאר לייגען פאר זיינע אויגן נאר יענע טאג, סיי אין פרנסה מיט זיינע באדארפעניש טאר ער נישט איבער טראכטן פון איין טאג צום אנדערן, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ספרים. אויך אין עבודת השם זאל ער נישט פאר לייגען פאר זיינע אויגן נאר יענעם טאג און יענעם שעה.**

**ווייל ווען מ'וויל אריין גייען אין עבודת ה', דאכט זיך פאר א מענטשן אז דאס איז א שווערע לאסט, און ער קען אזא שווערע לאסט נישט טראגן. אבער אויב ער וועט טראכטן**

**אז ער האט נישט מער פון דאס דאזיגע טאג, וועט ער גארנישט קיין לאסט האבן.**

**און אויך ער זאל נישט שטופן פון איין טאג צום אנדערן, צו זאגן – 'מארגן וועל איך אנהייבן, מארגן וועל איך דאווענען מיט א כוונה מיט כל אזוי ווי עס דארף צו זיין, און דאס זעלבסט אין אנדערע עבודות. ווייל א מענטש האט נישט אין זיין וועלט נאר יענעם טאג און יענע שעה וואס ער געפינט זיך דארטן. און די אנדערע טאג איז שוין גאר איין אנדערע וועלט - היום אם בקולו תשמעו, 'היום' מיינט די טאג דייקא, והבן,** דאס אלעס אין די רבי'נס ווערטער.

און מוהרא"ש שליט"א האט מסביר געווען, אז דער לימוד פונעם הייליגער רבי זי"ע איז אַ גרויסער עיקר גדול, אין די גאנצע מענטשנ'ס לעבן, ווייל ווען ער לייגט נישט פאר זיך, נאר יענע טאג וואס ער געפינט זיך אין איהם, קען ער מקבל זיין אויף זיך אלע מיני עבודות אין רוחניות אין גשמיות, און ער וועט זייער מצליח זיין אין לעבן. ווייל אויף איין טאג קען מען אלעס מאכן, אסאך לערנען און דאווענען, און מקיים זיין אסאך מצוות. און דער עיקר סיבה אז אַ מענטש עצל'ת זיך אין זיין עבודה, ווייל ער זארגט די מארגענדיגע זארג, ער קלערט פאר זיך: אפילו טאמער איך וועל היינט אסאך לערנען און

breslevcity.co.il

דאווענען, אבער ווער זאגט אז איך וועל קענען מארגן האלטן דערביי?! און דערפאר איז אויך היינט דינט ער שוין נישט דעם אייבישטער, ער הייבט גארנישט אָן. אבער אויב ער וואלט פארגעלייגט פאר זיך נאר יענעם טאג און אויף מארגן וואלט ער גארנישט איבער געקוקט, וואלט ער זייער מצליח געווען.

און אויך אין גשמיות, על פי רוב, יעדער האט גענוג עסן אין פרנסה אויף דעם טאג. ווייל אפילו דער גרעסטער אָרימאן, קען זיך איין עצה געבן אויף דעם טאג, נאר דער עיקר צרה איז מיטן זארג זיינע אויף מארגן, וואס וועל איך עסן מארגן מיט איבער מארגן. און ס'איז פארהאנען איינער וואס ער האט גענוג אויף א גאנצע וואך, אבער ער זאגט וואס ער וועט עסן די אנדערע וואך. אין ס'איז דא אפילו איינער וואס ער האט פאר א גאנצע חודש, נאר ער זארגט פאר די אנדערע חודש, און אנדערע זארגט פאר אנדערע יאר וכו', און אפילו פאר אַ פאר יאר שפעטער.

קומט אויס, אז די גאנצע מענטשנ'ס זארג איז נאר פאר די מארגענדיגע טאג, ווייל טאמער ער וואלט געלעבט נאר דאס היינטיגער טאג וואלט א וודאי איהם גארנישט אויסגעפעלט.

דערפאר ווען א מענטש געוואוינט זיך אין די עצה זאת פון

**"היום"** אם בקולו תשמעו, וועט ער מצליח זיין אין די לעבן, אין ער וועט האבן זיסע און גוטע לעבן.

און טאקע יעדער טאג איז א וונדערליכע מתנה פון השם יתברך, און ער קען איהם אנפיהלן מיט א ריכטיגע און אייביגע גוט'ס, ווייל אין יעדער טאג ווערט אנטפלעקט דער אור הגנוז, און אַ מענטש קען דערגרייכן די גן עדן'ס תענוגים, אבער ווער איז דאס מוׂנע? די נחשים ועקרבים (די שלענג מיט די עגדעס) וואס זענען ארום די טאג, וואס ווילן מונע זיין (פארמאדן) די מענטש פונעם אור הגנוז, וואס איז באהאלטן און שיינט און לייכט אין יעדעם טאג (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' פד) אין די נחשים ועקרבים, זענען די שלעכטע געדאנקען, וואס לאזן איהם נישט אנקוקן אויף די טאג, נאר זיי באמיטשען איהם מיט געדאנקן און זארגן וועגן מארגן, וואס דאס איז עצת עמלק הרשע, וואס איז געזאגט געווארן אויף איהם (שמות יז) צא הלחם בעמלק "מחר", וואס זיין גאנצע טמא'נע עצה, איז ער זאגט דיר **"מחר"**, מארגן, מארגן וועסט אנהייבן לערנען, מארגן וועסט אנהייבן דאווענען, דער עיקר 'נישט היינט', זיי זיך מייאש פונעם היינטיגן טאג.

און אזוי קומט ער צו דער מענטש אלע טאג, און ער שטיפט איהם אויף מארגן, אבער מיר מוזן מלחמה האלטן מיט דער

breslevcity.co.il

עמלק, אין איהם זאגן פונקט פארקערט, 'מארגן' וועל איך דיר פאלגן, אבער די היינטיגן טאג גיב איך פארן אייבישטער, און איך וועל מאכן אלעס וואס איך קען, סיי אין תורה, סיי אין תפילה אין מצוות ומעשים טובים. און אזוי שטופט מען איהם אן, ביז מ'איז זוכה איהם צו געווינען, און לעבן אַ הייליגע גוטע לעבן.

ועל דרך הסוד, אין דעםווארט **"היום"** איז מרומז א געוואלדיגער רמז, ווייל דער עיקר עבודה אונזערע, איז צו באהעפטן צוזאמען רוחניות מיט גשמיות, די השגות פון עולם הבא, אונעם גשמיות פון עולם הזה, ווייל פאר דעם איז געווען די גאנצע תכלית פון די בריאה, און אזוי ווי עס שטייט אין זוהר (בא מב.) בגין דאישתמודעין ליה (כדי מ'זאל איהם דערקענען ית'), מ'זאל זוכה זיין טרעפן דער אייבישטער אין יעדער פרט פון די באשעפעניש, און מייחד זיין דער אייבישטער'ס נאמען אין אלע אונזערע מעשים.

והנה דער רוחניות'דיגע געטליכע דערגרייך איז מרומז אין שם הוי"ה ברוך הוא, וואס זיין פשט איז – היה הוה ויהיה, דאס הייסט, דער רוחניות אלוקות יתברך וואס לעבט אויף און באשטעטיגט די גאנצע באשעפעניש, פון די אנהייב דרגות ביז די ענדע.

און די גשמיות עולם הזה מיט די געטליכע טבעיות'דיגע נאטורליכע הנהגה, איז מרומז און די נאמען 'אלהי'ם', וואס באטרעפט 'הטבע', ווייל מיטן נאמען 'אלהי"ם', פירט דער אייבישטער די טבע, און די געטליכקייט ווערט אנגעטוהן (מלובש) כביכול אין די גשמיות'דיגע באשעפעניש.

והנה ב'פאר אדם הראשון האט געזינדיגט אין 'עץ הדעת טוב רע', איז געווען גילוי אלקות אָפן, אָן קיין שום לבושים, און אזוי ווי עס שטייט (בראשית ב') 'ויהיו שניהם ערומים וגו' ולא יתבוששו'; ווייל זיי האבן געזעהן גילוי אלקות פון יעדער פרט און פרט.

און אזוי ווי חז"ל הקדושים זאגן (בראשית רבה פרשה כ' סי' י"ב) בתורתו של רבי מאיר היה כתוב כתנות "אור" באל"ף, (אין די תורה פון דער תנא רבי מאיר זי"ע, איז געווען געשריבן אנשטאט 'כ"תנות עור' - לעדערנע העמדער, 'כתנות אור', מיט אַ אל"ף – לעכטיגע העמדער). וואס די גאנצע באדעקונג מיטן לבוש איז געווען איין אפענע ליכטיגע געטליכקייט.

אבער נאכן חטא עץ הדעת, איז די ליכטיגקייט פארהוילן געווארן, און ס'איז צוריק געקומען די בחינה פון כתנות ע'ור מיט אַ עי"ן, אז אלעס איז נעלם ונסתר געווארן, און דער עיקר אונזערע עבודה איז, צוריק אנטפלעקן דער אור הגנוז וואס געפינט זיך און יעדער פרט.

breslevcity.co.il

והנה ס'ווערט געברענגט אין זוהר און אין כתבי האריז"ל, אז דער עיקר פגם פון חטא אדם הראשון איז געווען, אז ער האט גורם געווען אַ פירוד, אַ אפשיידעניש, א אונטערשיד, צווישן די אותיות י"ה צו די אותיות ו"ה פונעם שם הוי"ה ברוך הוא. און אויך ס'האבן זיך דערוואטערט די אותיות אל"ה פונעם אותיות י"ם, פונעם נאמען אלהי"ם. ווייל די אותיות י"ה זענען רומז אויפן הייליגע מוחין וואס זיי זענען חכמה ובינה, וואס דורך זיי מוז מען מתבונן זיין אין די געטליכקייט וואס געפונט זיך אין אלע פרטי הבריאה. אבער ווען זיי האבן פוגם געווען אין די הייליגע מוחין, און זענען געגאנגען נאכן אייגענע שכל, האבן זיי מפריד געווען די אותיות י"ה, פון אותיות ו"ה, און זענען נאר איבערגעבליבן ו"ה אליין, און אונזער ארבעט איז צוריק צו ברענגען די אותיות ו"ה צו י"ה, וואס דאס זאגן מיר אלעמאל ביי די תפילה פון "לשם יחוד", לייחד שם י"ה בו"ה ביחודא שלים וכו' (צונויף ברענגען די נאמען י"ה מיט'ן נאמען ו"ה, מיט א גאנצע יחוד – אז דער שם הוי"ה זאל כביכול נשלם ווערן).

און אזוי אויך אין די אותיות פון שם אלהי"ם, דער עיקר ס'זאל זיין באהאפטן די אותיות אל"ה צו די אותיות י"ם. און מ'זאל דערקענען - מ"י ברא אל"ה (ווער האט דאס אלעס באשאפן), און אזוי ווי עס שטייט (ישעיה מ') שאו מרום עיניכם וראו **מ"י** ברא

breslevcity.co.il

**אל"ה** (הייבט אויף אייערע אויגן צום הימל און זעהט'ס ווער האט דאס אלעס באשאפן), **אל"ה** דאס איז די גשמיות, וואז איז פאר אונזערע אויגן, **ומ"י** באטרעפט פופציג, דאס זענען די חמישים שערי בינה, וואס דורך זיי שעל ידם דערקענט מען און מ'איז מתבונן - "**מי** ברא **אלה**", אבער דורך חטא אדם, זענען אפגעטיילט געווארן די אותיות **אל"ה** פון אותיות **מ"י**. און אנשטאט צו דערקענען דער הייליגער באשעפער פונעם גשמיות, זענען זיי נכשל געווארן אין פגם האמונה, און אין פגם עבודה זרה וואס איז מכונה אויך אין שם **"אלה"**, אזוי ווי עס שטייט (שמות ל"ב) "**אלה** אלהיך ישראל וגו'.

און דערפאר, דער עיקר עבודה אונזערע אלע טאג, איז צוריק צו ברענגען די אותיות צו זייערע ארט, און דערקענען דער אייבישטער פון אלע פרטים פון אונזער טאג. וואס דאס זענען די אותיות **"היום"**, **ו"ה י"ם**, צוריק צו ברענגען די אותיות **ו"ה** צו די אותיות **י"ה**, און די אותיות **י"ם** צו די אותיות **אל"ה**, וואס דאס איז די סוד פונעם פסוק (בראשית ג') וישמע את קול הוי"ה אלקים מתהלך בגן לרוח **"היום"** וגו', וואס נאך חטא אדם הראשון, איז געשהען א פירוד אין די צוויי שמות הוי"ה אלהי"ם, לרוח "היום", ווייל יעצט זענען צוטיילט געווארן די אותיות **"היום"** פון די צוויי שמות, און דער עיקר עבודה איז

breslevcity.co.il

צוריק צו ברענגען זאל זיין ווי פריער, און אויס צו נוטצען יעדן טאג מיט אסאך גוטע נקודות פון יידישקייט, און וויסן צו זיין אז מיר האבן גארנישט מער פון די האנטיגן טאג, און איהם אנצופילן מיט אסאך אייביגע גוט'ס, דעמאלט מיר וועלן לעבן גוטע און ריכטיגע לעבן יעצט און אין עולם הבא לנצח, וואויל איז דער וואס איז זוכה צו אזא טאג.

און מוהרא"ש שליט"א האט מקשר געווען דאס דאזיגע ענין צו די וואכעדיגע סדרא בקשר נורא ונפלא מאד. די פרשה פאנגט אָן (דברים י"א) **ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה**. דארף מען דאך מדקדק זיין וואס איז דער פשט פונעםווארט **"היום"**, וואס קוקט אויס לכאורה איבעריג. ווייל דער פסוק רעדט דאך פון די ברכות מיט די קללות, וואס זענען געזאגט געווארן אין הר גריזים און אין הר עיבל (אזוי ווי רש"י ברענגט), און דאס האט מען זיי געגעבן נאר שפעטער ווען זיי זענען אריין געגאנגען אין ארץ ישראל?

אבער דורך דעם אויבענדערמאנטע הייליגע רבי'נס רייד פארשטייט זיך גאנץ גוט דאס ענין. ווייל די ווארט **"היום"** איז מרמז אויף **"היום"** אם בקולו תשמעו, און משה רבינו איז אונז מגלה דער סוד פון די לעבנ'ס הצלחה, ווייל אויב מיר וועלן קוקן בלויז אויף יעדן טאג אליין אן טראכטן די מארגענדיגע

breslevcity.co.il

זארג, וועלן מיר מצליח זיין אין יעדער זאך ברוחניות ובגשמיות, וואס דאס איז **ראה אנכי נותן לכם "היום"**, איך גיב אייך איבער אין אייערע הענד די כוח פון **"היום"**, פונעם טאג איהם אנצוקוקן פארזיך, און נישט זיך אינגאנצן נישט מבלבל זיין ביז דער מארגענדיגע טאג. און דאס איז דער סוד פון הצלחת החיים, וואס ווער איז דאס מקיים בפשיטות, האט א **"ברכה".** אבער דער וואס איז מזלזל אונעם טאג האט א **"קללה"** רחמנא ליצלן, ווייל די רשעים נוטצען זיך מיטן "היום" צו זייערע שלעכטס'ס און זיי זאגן (ישעיה כב) אכול ושתו כי מחר נמות.

און דערפאר - **את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה' אלקיכם אשר אנכי מצוה אתכם "היום"** – אויב איהר וועט נישט פארלייגן פאר אייך, ביים דינען דער אייבישטער – נאר דער 'היום' דער היינטיגער טאג, וועט איהר זייער מצליח זיין, און איהר וועט זוכה זיין צו לערנען אסאך די הייליגע תורה, און ממשיך זיין אויף זיך אלע ברכות, וואס דאס איז די סופי תיבות פון די ווערטער - **את' הברכה' אשר' תשמעו'** - **תור"ה** (אזוי ווי דער בעל הטורים ברענגט), אבער פארקערט - **והקללה אם לא תשמעו אל מצות ה' אלקיכם וסרתם מן הדרך אשר אנכי מצוה אתכם "היום"**, אז דער עיקר הקללה מיטן טויט איז

טאמער מ'קערט זיך אום פונעם דרך **"היום"**, און מ'זארגט די מארגענדיגע זארג, וואס דאס ברענגט א מענטש, רחמנא ליצלן, צו דער טויט, מיט דער טיפע אפגרינד, וואס דאס איז - **אם' לא' תשמעו' אל' מצות'**, זענען די סופי תיבות **'אַל מות' (נישט דער טויט)**, ווייל אן די עצה פון "היום" אם בקולו תשמעו, געפינט זיך אַ מענטש אין אַ סכנה, ער זאל נישט פארלירן זיינע טעג מיט זיינע יארן, אין גיהנום'דיגע יסורים מיט אַ גייסטישע טויט, רחמנא ליצלן.

און בדרך כלל לייענט מען די סדרא פון 'פרשת ראה' - ב'פאר ראש חודש אלול, וואס איז דער חודש התשובה, ווייל דאס איז דער עיקר תשובה, צוריק אנפילן יעדן טאג מיט א'סאך נצחיות'דיגע ריכטיגע גוט'ס, און אפילו אז א גאנצע יאר, האבן מיר נישט זוכה געווען אכטונג צו געבן אויף אונזערע טעג ווי עס ברויך צו זיין, יעצט איז דער צייט תשובה טאן אויף דעם, און מקיים זיין **"היום"** אם בקולו תשמעו, און ממלא זיין אלע טאג מיט אסאך תורה, תפילה, מצוות מיט מעשים טובים,

און דער הייליגער בורא כל עולמים זאל אונז מזכה זיין, מיר זאלן אכטונג געבן אויף אלע אונזערע טעג מיט יארן אזוי ווי ס'דארף צו זיין, זיי אויף הייבן און מקשר זיין צו השם יתברך,

נכלל ווערן אינגאנצן ביי השם יתברך מעתה ועד עולם, אמן ואמן.

breslevcity.co.il